י. ל. פּרץ

# די תאווה צו קליידער

אין שעברשין, הינטער זאמאשץ, איז אמאל געווען אן אשה, האט זי געהייסן באשע גיטל; איז זי געווען פון זייער א שיינער משפחה, אן אמתע בת־טובים און א חסידס א ווייב. און דער חסיד, מיטן נאמען אלימלך, פלעגט זעלטן זיין אין דער היים, ווייל ערשטנס איז ער א לייפסקער סוחר געווען, און, דעמאלדיקע צייטן, איז א נסיעה קיין לייפסק געווען מער, ווי היינט א נסיעה מעבר לים, קיין אמעריקע. און צווייטנס, פלעגט ער, כאטש איין מאל אין יאר, פארן צום לובלינער צדיק. פאלט איין דעם בעל־דבר צו באנוצן זיך מיט דער צייט, שאין האיש בביתו, וואס דער מאן איז נישטא אין דער היים, אנצורעדן באשע־גיטלען צו אן עבירה.

ווייסט ער אבער, אז צו קיין גראבער עבירה צורעדן וועט ער זי נישט. ווייל באשע גיטל איז באמת געווען א כשרע נשמה און א גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי־טייטש, און, א חוץ דעם, איז זי זייער און זייער געוואָרנט געווען אין די מצוות, אין וועלכע אן אשה דארף זיין געווארנט; איז ער זיך מישב און וויל איר כאטש אריינברענגען א תאווה צו מלבושים מיט צירונג. ווארום דער חסיד אלימלך איז געווען א גרויסער עושר און פלעגט איר געבן ביד רחבה ומלאה אויף הויזפירונג.

אויך קומט ער, דער בעל דבר, צו איר נישט פראסט. ער ווייסט, זי וועט אים פשוט אויסלאכן, חוכא וטלולא מאכן; ווייסט זי דען נישט, אז מלביש זיין און אויסצירן דארף מען די הייליקע נשמה, נישט דעם זינדיקן גוף, וואס איז פארט נישט מער, ווי קיי און שפיי; היינט רויט, מארגן טויט... נייט ער, דער בעל־דבר, און פארשטעלט זיך פארן יצר־טוב, און נעמט זי איין מיט גוטע, פרומע און זיסע ריידעלעך, ער מיינט טאקע לשם מצווה, לשם שמים... און ליינט, ווי זיין שטייגער איז, די שמדקייט אין דער יראה ארויין.

—אט גייט, — זאגט ער — א הייליקער יום טוב, פסח, זכר ליציאת מצרים, און זיין ליבער נאמען האט דיך געבענטשט מיט אלעם גוטן, איז, באשע גיטל, א יושר, זאלסט לכבוד דעם הייליקן יום טוב, באנייען א מלבוש, עס איז, אי א יושר, אי א מצווה: דער שניידער וועט פארדינען אויף פסח, און דו וועסט מקיים זיין ושמחת בחגך! וואס, ניין?

ווייל באשע־גיטל האבן א ישוב. דערמאנט ער זי, אז די בני ישראל, איידער זיי זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים, האבן זיי זיך געבארגט טייערע כלים, מלבושים און צירונג. צו וואס? רוימט ער איר איין: טאקע לכבוד יום טוב! ליגט זיך עס איר אויף דער דעה, באקט זי אביסל וויניקער מצות, גרייט זיך אן א קלענערן כיבוד, גיט אביסל וויניקער מעות־חטין און מאכט זיך א ניי בגד מיט א זילבערנעם שלאק. שבועות — זאגט ער איר — איז נאך א גרעסערער יום טוב. מתן תורה! קויפט זי זיך נייע פערל. עס גייט צו סוכות, לאזט זי זיך איבערמאכן דאס שטערן־טיכל, איבערנייען דאס ברוסט־טיכל און קויפט צו א פאר בריליאנטלעך צו די אוירינגלעך... דערנאך זאגט ער איר, אז זי איז נישט יוצא קענען שבת־קודש, ווייל שבת־קודש איז גרעסער פארן גרעסטן יום טוב, — פאלגט זי, און באמיט זיך אויף יעדן שבת־קודש אויך עפעס צו באנייען, כאטש א קלייניקייט — א זיידן טיכל אויפן קאפ, א פישו! ראש השנה און הושענא־רבה, — ווי קויפט מען עס נישט קיין נייע ווייסע אדער העל־בלויע בענדער? און פורים איז אויך א יום־טוב. חנוכה אוודאי; א שפאס א נס, וואס עס איז געשען! דערנאך קומט חמשה עשר בשבט. ל"ג בעומר, כאטש אין גלות, קיין ימים טובים פעלן נישט!

היינט, אז דער מאן דארף אהיימקומען, איז דאך אוודאי א מצווה, זיך אויספוצן אין עסיק און אין האניק, — אן אשה כשרה, א יידישע טאכטער ברויך נושא־חן צו זיין ביים מאן אין די אויגן... און בנוגע צו צירונג, האט ער, דער יצר־הרע, באזונדערע טענות: באשע גיטל פלעגט אמאל האבן א שווער טראגן, זאל זי זיך קויפן א שנירל רובינדלעך, דאס איז דאך, כידוע, א גרויסע סגולה אויף א לייכט טראגן. אויך — עטלעכע אסמיראלדלעך, דאס ווייסטו דאך, איז א פראביר־שטיין פאר דער נשמה: ווארום ווער עס טראגט אזא שטיין און איז, חס ושלום, מזנה, פלאצט ער, דער שטיין, און האט מען נאר א שלעכטע מחשבה, פארטונקלט ער זיך, כידוע... וועט זי נכשל ווערן אין א שלעכטע מחשבה,



# A Passion for Clothes

In Shebershin, below Zamosc, there once lived a woman named Bashe Gitel, who came from a very fine family and was married to a Hassid. Now the Hassid, Elimelech, was seldom at home. First of all, being a merchant, he had to go to Leipzig a great deal, and in those times, a journey to Leipzig took longer than a voyage to America nowadays. Secondly, Elimelech would visit the saintly rebbe of Lublin at least once a year. And so it occurred to Satan to take advantage of the husband's absences and talk Bashe Gitel into sinning.

Satan realized, however, that he could never persuade her to commit a *gross* sin, for she was truly a pure soul, well-versed in the holy books, which she read in Yiddish translation. And she meticulously observed all the duties required of a woman. He thought about it and then decided to kindle within her a lust for clothes and jewelry. For the Hassid Elimelech was very rich and gave her generous sums for housekeeping.

Now Satan didn't just come to her bluntly. He knew she would simply laugh and jeer at him. Didn't she know you have to clothe and adorn the sacred soul and not the sinful body, which is nothing but meaningless clay, rosy one minute, dead the next!

So Satan disguised himself as the Good Spirit and inveigled Bashe Gitel with fine, sweet, pious words. He murmured something about good deeds, heaven, and, as is customary, he presented his cunning as fear of God.

"There's a sacred holiday coming," he said. "Passover.... Jews are commemorating the exodus from Egypt, and the Good Lord has blessed you with so many wonderful things, Bashe Gitel. Wouldn't it be right and fitting to wear a new frock in honor of the holy festival? Not just right, but positively a religious duty and a good deed? The tailor will earn something for Passover and you will be doing a fine thing."

Bashe Gitel was hesitant. So he reminded her that before leaving Egypt, the children of Israel had borrowed precious utensils, clothing, and jewelry. "And why?" he whispered in her ear. "For the holiday."

It made sense to her. So she baked fewer matzohs, prepared less food, donated a smaller sum to the Passover fund for the poor—and got herself a new dress with a silver decoration.

Shavuoth, the Feast of Weeks, he told her, is an even greater holiday, Jews celebrate the giving of the Torah. So she bought a new necklace.

Along came Sukkoth, the Feast of Tabernacles. She had new jewels set in her headdress, retailored her bodice, and bought new diamonds for her earrings.

Next, he told her she wasn't doing full justice to the Holy Sabbath, which is greater than any holiday. She obeyed, and on every Sabbath she went out of her way to wear something new, even if it was small—a silk kerchief, a fichu.

And at New Year's and on the Great Hosanah—the seventh day of the Feast of Tabernacles—how could she pass up buying some new ribbons, white and pale blue!

And Purim was also a holiday, and Hanukkah of course. A joy, a miracle! Whatever happened! Then came the Fifteenth of Shebat, which is New Year's Day for trees, and then came Lag b'Omer, a spring festival. The Jews, though in exile, have no lack of holidays!

And when her husband was expected home, it was certainly a good deed dressing to beat the band. A decent woman, a daughter of Israel, has to find grace in her husband's eyes....

And as for jewelry the Evil Spirit had special arguments. Bashe Gitel had once had a difficult pregnancy. Why not buy a ruby necklace? Everyone knows it's an excellent talisman for an easy childbearing.

וועט זי וויסן תיכף ומיד תשובה צו טון! היינט איז דאָך איר מאַן אלימלך גאַנצע חדשים אונטערוועגס, און עס קומט איר אויס צו מאַכן חשבונות מיט סוחרים, פאַרוואָס זאָל זי נישט האָבן אויף זיך עטלעכע סאַפּירלעך, וואָס העלפן צו חכמה? באַשע גיטל איז טאַקע א חכמה אַזוי אויך, אָבער וואָס מער איז אוודאי געזונטער! און אַזוי אַנדערע שטיינער מיט אַנדערע סגולות. און דער עיקר דער שטיין פּירט, וואָס זי דאַרף טראָגן, ווען דער מאַן איז אין דער היים, ווייל דער אבן טוב גיט חן אין די אויגן, און מען ווערט זייער געליבט, אַז מען טראָגט אים...

מיט איין וואָרט, ער האָט זי אַרויסגעפירט אויף א וועג — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! זי האָט, וואָס נאָך גיט א טאָג, אַלץ מער געזונקען און געזונקען אין דער תאווה. און אַז דער בעל־דבר האָט געזען, אַז ער איז זי שוין ביינעקומען, אַז זי איז שוין אין דער בחינה פון א גוט געשליידערטן שטיין, וואָס לויפט שוין אַליין באַרג אַפּ מיטן כוח פון ערשטן שטויס, נעמט ער און שטעלט זיך שוין אַוועק אין א זייט, און זי טוט זיך שוין אַליין אירס, און איז מסמץ אין צדקה, קאַרגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסן אין מויל אַריין; די יינגלעך גיט זי איבער צו ערגערע מלמדים, אַבי עס זאָל ביליקער קאָסטן, און לייגט דעם גאַנצן „האָב און גאָב" אין מלבושים און תכשיטין אַריין!

איז איר נאָך ווייניק, נעמט זי און שאַפט אָפּ די דינסט, וואָס זי האָט געהאַלטן, און שלאָגט איר אַריין אין חשבון אַלע שאָדנס, וואָס זענען געווען אין שטוב, יאָ שולדיק נישט שולדיק, און נעמט צו, מכלומרשט פאַר רחמנות, אַן אָרעמע יונגע יתומה, אַן אויסגעהונגערט קינד, אירס א נאָענטע קרובה אפילו, און זאָגט איר, אַז קיין שכירות וועט זי איר נישט צאָלן; נאָר דערפאַר, אַז עס וועט קומען די צייט, און עס וועט זיך טרעפן איר זיווג, וועט זי איר געבן נדן און מתנות, און פון זיך אַראָפּ עטלעכע קליידער, און וועט זי אַליין פירן צו דער חופה און אַקעגן טאַנצן מיט א קוילעטש... און נעמט דערווייל דאָס שכירות פון דער יתומה און גיט אויס אויף איר תאווה...

דער מאַן אירער, דער חסיד אלימלך, האָט, פאַרשטייט זיך, פון דעם אַלעם נישט געוווסט, און אַזוי איז אַריבערגעגאַנגען א יאָר נאָך א יאָר, ביז באַשע גיטל איז קראַנק געוואָרן און האָט נישט געקאָנט רירן מיט א פוס.

זעען זעט אויס, אַז עס איז מן השמים געווען, אַז מען האָט זי געוואָלט ראַטעווען, און דעריבער טאַקע האָט קיין שום רופא אויף דער וועלט זיך אויף דער קרענק נישט פאַרשטאַנען. וואָרום אַזוי אין כלליות איז זי אויפן גאַנצן לייב געזונט און פריש געווען; כאחד האדם געשלאָפן, געגעסן, אַלץ, אַלץ! און אפילו אויף די פיס האָט זי קיין ווונד, קיין פלעק, אפילו קיין שפּרענקעלע נישט געהאַט, נאָר רירן זיך האָבן זיי זיך נישט געוואָלט, בשום אופן נישט!

דאַכט זיך, עס איז די בעסטע צייט, אויסגעהיילט צו ווערן פון דער תאווה? אַז א יידענע קומט נישט, נישט אין גאַס אַריין, נישט אין שיל אַריין, ליגט אין דער היים נאָכאַנאַנד, — וואָס טויג איר קליידער און צירונג? פאַר די פיר ווענט?

איז אָבער די תאווה אין איר אַזוי שוין איינגעוואָרצלט געווען, אַז זי ריכט זיך אַלץ אינאיינעם, היינט־מאָרגן אויפצושטיין פון בעט און מאַכט זיך אַלץ נייע און נייע קליידער, און קויפט אַלץ, וואָס מען ברענגט איר אין שטוב אַריין, און דערווייל הייסט זי זיך א פּאָר מאָל אין וואָך אויסלייגן די קליידער מיט דער צירונג אויף שטולן און בענק פאַרן בעט, און זי ליגט אַזוי און קוקט, און שעפּט נחת דערפון... וואָס קלערט איר, די אָרעמע יתומה האָט געאַרבעט דערביי עבודת פרך...

איינמאָל, מען לייגט איר אויס די קליידער, דערזעט זי פּלוצלינג, אַז אירע שענסטע מלבושים, די סאַמעטענע און זיידענע, זענען אויסגעפלעקט, אויסגעשמירט פון אַלערליי מאכלים און משקאות, און אויף טייל ערטער — נאָך פאַרטשעפּעט און צעריסן. מאַכט זי א געוואַלט, אַז עס קומען זיך שכנים און שכנות צולויפן אויף איר געשריי און מען זעט די צרה און עס בלייבט במוסכם כלם, אַז קיינער איז אין דעם נישט שולדיק, נאָר די יתומה, אַז „דאָס שטילע וואַסערל", מיטן יראת שמים פּנימל, וואָס מען הערט נישט איר קול א גאַנצן טאָג, וואָס קומט נישט, אויסער אַז זי גייט אין שליחות, אין גאַס אַריין, — אַז „דאָס שטילע וואַסערל רייסט די ברעגעס", און טוט זיך ביינאַכט אָן דער באַלעבאָסטעס קליידער, און גנבעט זיך אַרויס, און גייט אין די גוטע הייזער, ווו מען פרעסט און זויפט און מען טוט אַלדאָס בייז... א קשיא אויף היינטיקע צייטן! — וואָרום דעמאָלט פלעגט מען אויך זאָגן „היינטיקע צייטן", א פּנים, אַז די וועלט זועדט וואָס אַמאָל ערגער! — נעמט מען די יתומה, וואָס ווייל זיך נישט מודה זיין, און מען זידלט זי מיט אַזוינע ווערטער, וואָס מען דאַרף פאַרן מויל נישט ברענגען. בפרט שרייבן, און מען שלאָגט זי און מען הרגעט זי. דערנאָך פירט מען זי צום רב, און מען זאָגט עדות אַזוי און אַזוי, אַז קיינער נישט, נאָר זי; און והא ראיה — זי זעט אַזוי דאַר און מאָגער אויס, ביי אַזא גוטס, ביי אַזא גבירה, ביי א קרובה... על־כן, מוז זיין אַז זי שלאָפט נישט גאַנצע נעכט און טרינקט און זויפט און טוט כל־העברות שבעולם... נעמט מען די יתומה און מען גאָלט איר אָפּ דעם קאָפּ, מען זאָל זי מיאוס מאַכן, עס זאָל שוין קיינער אין איר נישט נכשל ווערן און מען טרייבט זי אַרויס פון שטאָט, מיט א געלויפעריי, ווי דעמאָלט דער שטייגער איז געווען.

Plus—a few emeralds. A fine touchstone for the soul. If you wear one and (God forbid!) you commit adultery, then the emerald bursts. And if you have just a sinful thought, then it clouds up. If Bashe Gitel were to stumble and have a bad thought, she would instantly be aware of it and do penance.

Her husband was away for months at a time and she occasionally had to settle accounts with merchants herself. Why shouldn't she wear a few little sapphires, to aid her wisdom. Bashe Gitel certainly had a good deal of wisdom—but the more, the better!

And so on, more stones with more virtues. Especially a fine gem to wear when her husband was at home, to make herself more attractive in his eyes, and he would love her all the more, and so she put it on.

In a word, Satan led her down a garden path—may God protect and save her! And with every passing day, she sank deeper and deeper into her craze for clothing. Satan saw he had gotten the best of her, she was like a well-hurled stone plunging downhill with the force of the initial throw, he simply stayed aloof now, and she went on of her own accord. She was stingy with alms, chary with food for herself and the children, sent the boys to inferior teachers, did everything she could to pinch pennies, and spent all she had on clothes and jewelry.

Even that wasn't enough. She fired the maid and docked her for all the damages in the house, whether or not they were the poor girl's fault. And then, feigning charity, she took in a poor young orphan, a starving child, who was a close relative, and she told her she wouldn't pay her any wages, but when her time came and she found her destined bridegroom, Bashe Gitel would give her a dowry and presents, and some of her own dresses, and she would lead her to the wedding canopy and dance toward her with a braided challah.... And instead of giving her a salary, she spent it on her passion.

Her husband, the Hassid Elimelech, had no idea what was going on of course, and so year after year wore on, until Bashe Gitel fell ill and couldn't move her legs.

When they tried to help her, it looked as if the sickness were heaven's doing, no healer in the world could tell what was wrong. She was generally fresh and sound, she could sleep and eat. And there wasn't a single wound on her legs, not a spot, not a speck, but they couldn't move at all!

It would appear to have been the best time for her to recover from her lust. When a woman is bedridden and can't go anywhere, not even synagogue, then what good are clothes and jewelry? What use are they within four walls?

But her passion was too deep. She expected to get up any day now, and so she kept making herself more and more clothes and buying anything brought into the house, and several times a week she would have the clothes and jewels displayed on chairs and benches at her bedside, and she lay there and looked, and feasted her eyes on them. And the poor orphan worked her fingers to the bone.

Once, when the clothes were being laid out, Bashe Gitel saw that some of her best silk and velvet finery was spotted and stained with food and liquor and full of rips and tears. She made such an uproar that the neighbors came running, they saw what had happened and everyone agreed, only the orphan could have done it, a "still water," with a God-fearing face, who hardly ever said a word and only went out on errands, but "still waters run deep." She must have put on her employer's clothes at night and gone to festive houses where people ate and drank and did all sorts of dreadful things. What was the world coming to?! Jews wondered that even then, so obviously the world must be getting worse all the time!

The orphan wouldn't own up to the crime, so they took her and yelled such indescribable things at her, words that should never even be spoken, much less written, and they struck her and beat her.

Then they took her to the rabbi, and testified against her, it could only have been her and the proof was: she looked so scrawny and skinny, though she lived with such a good woman, a wealthy relative.... It was obvious she never slept at night but drank and swilled and committed all kinds of sins and vices....

And they took the orphan and shaved her head to make her ugly so that no one else would be fooled, and they drove her out of town, running and hooting after her, as was the custom in those days.

אין דער צייט איז דער חסיד אין דער היים נישט געווען, ער איז געזעסן אין לובלין ביים צדיק און האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן בשום אופן, באשר בכן — ער מוז אים געבן א רפואה שלמה פאַר באַשע־גיטל זיין ווייב.

זאָגט אים דער צדיק: ווייסטו וואָס? פאָר אהיים און קום צוריק מיט דער פלוניתטע. דער מיין פון די ווערטער איז געווען אזוי: דער צדיק האָט שוין א פּאָר מאָל מתפּלל געווען פאַר דער אשה און עס האָט נישט געהאָלפן און דערצו איז דער לובלינער צדיק נישט געוווינט געווען. ערגער נאָך, טיילמאָלס האָט ער געפילט, אז מען נעמט דאָרט די תפילה און מען וואַרפט זי אים צוריק אַראָפּ אין קאָפּ אַריין. האָט ער פאַרשטאַנען, אז עס מוז זיין א גרויסע מניעה, א שטאַרקער קטרוג וועגן א גרויסן חטא. א פּאָר מאָל האָט ער דאָרט געפרעגט: ווי הייסט? האָט מען אים פּשוט נישט געענטפערט! מוז שוין זיין נאָר א טיפער ענין, א מיאוסע זאַך, וואָס מען וויל נישט ברענגען איבערן מויל... און דער חסיד אלימלך ווייסט פון גאָרנישט! און אזוי ווי דער לובלינער צדיק איז געווען א גרויסער בקי אין חכמת הפּרצוף, האָט ער זי געוואָלט זען עין בעין... וועט ער שוין זען, וואָס ביי דער אשה איז אנגעשריבן אויפן שטערן.

פאָרט אלימלך דער חסיד אהיים, און דינגט א גרויסע בויד און בעט אויס די בויד, ווי א בעט: אונטן שטרוי, אויבן שטרוי — כרים וכסתות, און מען פאָרט מיט צוויי פּאָר פערד אין דער ברייט קיין לובלין.

אין איזשביצע, אין קראַסנאָסטאַוו און נאָך ערגעץ אין א שטעטל וואַרטן גרייט פרישע פערד צום איבערשפּאַנען, ווייל מען קאָן נישט נעכטיקן מיט דער חולנית אויפן וועג, און מען וויל אָנקומען קיין לובלין בכי טוב.

פאָרט מען, נאָך דער לעצטער סטאַנציע אָבער פאַלט פלוצלינג אַראָפּ א שניי, פאַרלירט מען דעם וועג, פאַרבלאָנדזשעט מען אין א וואַלד, נישט אויס און נישט איין, און עס פאַלט־צו די נאַכט — כאָטש נעם די אויגן אין די הענט און זוך א וועג: קיין לבנה, קיין שטערן... טראַכט מען, מען וועט בלייבן שטיין און אָפּוואַרטן ביז טאָג, איז אָבער די שרעק גרויס פאַר גזלנים מיט חיות רעות, ווייל דעמאָלט איז נאָך געווען סאַמע געדיכטער וואַלד אין דער געגנט, ביימער עד לב השמים און צוזאַמענגעפלאָכטענע צווייגן, אז ביי טאָג איז חושך געווען, האָבן זיך טאַקע געהאַלטן דאָרט גזלנים און חיות רעות, און ביינאַכט איז גאָר געווען סכנת־נפשות.

ראַפּטום ווערן זיי דערפרייט. פון דערווייטנס האָט זיך פלוצלינג באַוויזן א פייערל און דאָס פייערל וואַקסט, און עס באַווייזט זיך א צווייט און א דריט פייערל — א סימן, אז נישט ווייט מוז זיין א קרעטשמע. פאָרט מען צו דעם פייערל. מען פאָרט אזוי, דערהערט מען קלעזמער שפּילן און אויך א גרויס געלעכטער; קומט מען נענטער — הערט מען א געטופּעריי, מען זינגט, מען שפּילט און מען טאַנצט אין קרעטשמע! באַלד האָט זיך די קרעטשמע אליין באַוויזן אויך — עס פלאַקערן די שויבן, וואָס קאָן זיין די שמחה? מן הסתם זענען זיך פּריצים צוזאַמענגעקומען און מען הוליעט אויפן פּריציש אופן! עס איז אפילו א סכנה צוזאַמענצוטרעפן זיך מיט אזוינע לייט בשעת חדותא, נאָר אַלץ בעסער, ווי מיט חיות אָדער גזלנים אין וואַלד! פאַרפאָרט מען פאַר דער קרעטשמע, הערט מען שוין בעסער; עס איז נישט קיין פּריצים, די קלעזמאָרים שפּילן יידישע זאַכן, אַלערליי שטייגערס... און א מאַרשאַליק איז משמח דעם עולם מיט גראַמען און רופט אויס צו כלה־טאַניץ!... וואָס זאָל איך אייך זאָגן, דעם חסיד מיט דעם בעל־עגלה איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן, די מוטערס מילך איז אין זיי געראָנען געוואָרן! זיי האָבן באַלד פאַרשטאַנען, אז דאָס זענען יענע לייט, וואָס פלעגן יענע צייטן, איידער מען האָט אויסגעהאַקט די וועלדער, שפּילן חתונות אין פאַרוויסטע קרעטשמעס... זאָגט אלימלך צו זיין ווייב באַשע־גיטל: הער, באַשע־גיטל, מיר זענען אַריינגעפאַלן אין מיאוסע הענט... געדענק־זשע, למען השם, אז מען טאָר זיי נישט ענטפערן, נישט אָננעמען פון זיי קיין כיבוד, אפילו נישט, חס ושלום, פאַרזוכן, ווייל מען ווערט באַלד נזוק. באַשע־גיטל ליגט נישט טויט, נישט לעבעדיק און שאָקלט מיטן קאָפּ, אז זי ווייסט... און געוווּסט האָט זי טאַקע, פון די ספרים הקדושים אין עברי־טייטש.

דערווייל שיטן זיך אַרויס פון קרעטשמע די מחותנים מיט די מחותנתטעס, מיטן בדחן, מיט די קלעזמאָרים, מיט ברענענדיקע שטורקאַצן און רינגלען אַרום די בויד, און הייבן אויף דעם דעק, און הייסן זיך זאָגן „מזל־טוב", און פאַרבעטן אין קרעטשמע אַריין אויף דער חתונה... מחותנים בעטן, מחותנתטעס, און חתן־כלה קומען אויך צו און בעטן מיט שיינע רייד, מען זאָל זיי נישט פאַרשעמען, און דער בדחן זאָגט גראַמען און גלייך־ווערטלעך, און די מוזיק שפּילט צו, אז עס הילכט אין גאַנצן וואַלד, און משרתים און סאַרווערס טראָגן אַרויס אויף זילבערנע טעצלעך אין קריסטאַלענע און גאָלדענע כוסות אַלערליי משקה, און אַלערליי לעקעך און טאָרטן, און מען שטופּט זיי צום מויל צו, נאַט, נעמט, מאַכט ברכה, זייט אייך משמח!

און זיי ענטפערן נישט א וואָרט.

The Hassid Elimelech wasn't at home all that time. He was with the saintly rebbe of Lublin and flatly refused to leave. He wanted the rebbe to obtain a full recovery for his wife Bashe Gitel.

The saintly man told him: "Go home and come back with your spouse." The meaning of his words was this: The saint had already prayed for the woman several times, but to no avail, and he wasn't accustomed to such a failure. What was worse, he felt at times as if the prayer had been taken and flung back into his head. He realized there had to be some great obstacle, a strong accusation of great sinning.

He had asked several times: "What is it?" But heaven sent no answer! It must be an intricate matter, a hideous thing that could not be spoken aloud. And the Hassid Elimelech knew nothing about it. Since the saint of Lublin was an expert in human physiognomy, he wanted to meet the woman face to face and see what was written on her brow.

The Hassid Elimelech went home, rented a large wagon, and rigged it up like a bed, straw everywhere, with pillows and cushions, and drawn by two pairs of horses abreast. And then they took off for Lublin.

In Izhbitse, in Krasnatov, and in some other town, fresh horses were waiting since they couldn't spend the night with the invalid, and they wanted to arrive auspiciously in Lublin.

On they drove. But during the final leg of their journey, it suddenly began to snow. They lost their way and wandered through a forest, unable to get out. Night fell, but no matter how hard they peered and scanned, they couldn't sight a road—no moon, no stars.... They decided to stop and wait for daybreak, but were terrified of robbers and wild beasts. In those days the forest was like a jungle, reaching to the sky with interlocking branches, the day was dark, concealing robbers and wild beasts, and the night was mortally dangerous.

All at once, they were thrilled to see a sudden fire in the distance, the fire was growing, and then there was a second and a third fire—they couldn't be far from an inn. Off they went toward the fire. Driving along, they could hear musicians playing, and loud mirth. Coming closer, they heard a stamping and stomping, people were singing, playing, dancing.

Then the inn loomed up. The windows were ablaze. What was all the celebrating? Perhaps some Polish squires had gotten together, carrying on the way Polish squires do. You take your life in your hands when you encounter them during their revels, but they're preferable to robbers and beasts in the forest.

They fetched up at the inn and now they could hear better. These weren't Polish squires, the bandsmen were playing Jewish ditties, all kinds. And a jester was entertaining the guests with rhymes and calling them to a wedding dance! The Hassid and the drayman nearly fainted, their mother's milk curdled in their veins! They instantly realized that the carousers were *those* people, the demons, who back then, before the woods were cleared, celebrated weddings in deserted inns.

Elimelech said to his wife: "Listen, Bashe Gitel, we've fallen into terrible hands. Just remember, for God's sake, we mustn't answer them at all, not return any greetings or accept any invitations, and not taste anything, God forbid, or we'll be done for!"

Bashe Gitel lay there half out of her mind with terror, and nodding her head to show she knew; and indeed she did know—from the holy books in Yiddish.

Meanwhile, the relatives of the bride and groom came pouring out of the inn, along with the jester, the musicians, all carrying torches, milling around the wagon, lifting the canvas, telling the travelers to wish them good luck, and invited them to the wedding. The men begged, the women begged, and the bride and groom also came over and asked them in honeyed tones, told them not to hurt their feelings, and the jester recited rhymes and jokes, and the band played, and the forest boomed with all the commotion.

Waiters carried out silver trays with all sorts of beverages in crystal and golden goblets and all sorts of delicacies and cakes, and they pushed the food and drink in the faces of the travelers: "C'mon, have some, say a blessing, join the fun!"

But the travelers didn't answer.

פלוצלינג אבער גיט באשע־גיטל א קוק, דערזעט זי, אז די נשים פון דער חבריא, די כלה, די מחותנתטעס און אזוי נשים־געסט, טראגן אירע בעסטע סאמעטענע און זיידענע קליידער, און פארגיסן זיי מיט משקה, פארשמוצן מיט אלערליי עסנווארג, און פארטשעפען אן וואגן... באפאלט זי א גרייליך הארץ־ווייטיק, און קאן זיך נישט איינהאלטן און גיט א געשריי:

— רוצחים, גזלנים, מיין פראצע, מיינע קליידער!

מער האט מען נישט געדארפט; מען האט זי קוים דערפירט קיין לובלין. אויפן גאנצן וועג האט זי געחלשט און געחלשט און געחלשט, און דאס מויל רחמנא לצלן, האט זיך איר אויסגעקרומט... נוטה למות איז זי געווארן...

מען האט זי קוים א לעבעדיקע אריינגעפירט צום רבין, און ער האט באלד פארשטאנען די זאך, און האט געזאגט דעם עולם, מען זאל זיך ארויפנעמען א מוסר, ווארום א יידישע טאכטער, אויב זי מאכט זיך נייע מלבושים, דארף זי די אלטע צעטיילן ארעמע לייט, בפרט טאר מען זיך נישט מאכן קיין קליידער, וואס מען קאן נישט טראגן. ווארום, אז עס הענגען אין אלמער קליידער, וואס מען נוצט נישט, קומען בייגאכט יענע לייט און נעמען זיי ארויס און טוען זיך אן אין די קליידער און טאנצן אין זיי אויף זייערע שמחות און חתונות...

ווי באשע־גיטל האט דאס דערהערט, האט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין, און אנגענומען פאר ליב דעם טויט, און האט נאר געבעטן, ער זאל אויף איר מכפר זיין! און דאס האט איר דער צדיק צוגעזאגט!

נאענט פאר דער פטירה, האט זי צוגערופן איר מאן, דעם חסיד אלימלך, און האט אים דערציילט די מעשה מיט דער יתומה, און גענר־מען ביי אים א האנט תקיעת־כף, אז ער וועט זי אויפזוכן, און נעמען זי פאר א מאמע צו זיינע קינדער, כדי מען זאל איר מוחל זיין דעם חטא קעגן איר — — — —

און דער חסיד אלימלך האט געטון איר בקשה, און באלד נאך שבעה אויפגעזוכט די יתומה און האט מיט איר חתונה געהאט, און זי איז געווען א מאמע צו זיינע קינדער די יתומים, און זיי האבן נאך זוכה געהאט צו האבן נייע קינדער, און האבן זיי מגדל געווען לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

אויף אלע יידן געזאגט!

---

Suddenly, Bashe Gitel looked out and saw that the womenfolk, the relatives, bride, and guests, were wearing her best silk and velvet finery, and spilling liquor and food on her dresses, and catching them on the wagon.... Her heart sank, she lost all control, and screamed:

"Murderers, bandits! My hard work! My dresses!"

That was all they needed!

She was barely breathing as they took her to Lublin. All along the way, she kept fainting, and her mouth was all twisted up.... She was more dead than alive.

When they brought her to the rebbe, he instantly realized what had happened. He told his disciples to look upon her as an example. If a Jewish woman has new clothes made, then she has to distribute her old dresses to the poor and needy. She should never make any clothes she can't wear. For if there are dresses hanging unused in the closet, *those* people would come at night and take them out and put them on and dance in them at their feasts and weddings....

Upon hearing these words, Bashe Gitel accepted the judgment as righteous and death as her due, and asked only that they forgive her, and the rebbe assured she was forgiven!

Just before dying, she called for her husband, the Hassid Elimelech, and told him what she had done to the orphan, and made him swear to find her and have her be a mother to their children, to make good the sin that Bashe Gitel had committed against the poor girl.

The Hassid Elimelech did as she asked. After the seven days of mourning, he sought out the orphan and married her, and she became a mother of his bereft children.

The couple were blessed with more children, they brought them up with learning and good deeds and married them off happily.

May the same be said of all Jews!

1904